התפרשות

<u>צעשפרייטקייט</u>

וועץ איך שטרעק אויס מיינע הענט צו גלעטן אייערע קעפ ,
ווערן די האר, געלאקט און ווייך פון פריער, גלייך און דיק,
און דער זויגלינג־ריח וואס איך פלעג אטעמען ביז צום שיכור זיין,
אויסגעמישט מיט מיין פארבליבן בלוט, פארגייט און וועבט זיך אויס.

וועץ איך שטרעק אויס מיינע הענט צו גלעטן אייערע קעפ,
שפרינגען זיי אפ פון מיין שויס , זיי הייבן און דערווייטערן זיך
און בלייבן הענגען אויף די דלאניעס פון מיינע הענט
ווי פייגן וואס הויבן אן צו ווערן רייף .

וועץ איך שטרעק אויס מיינע הענט צו גלעטן אייערע קעפ ,
וועץ איך פרווו זיך אנכאפן אין זיי, זיי זאלן זיך אנהאלטן אויף מיר,
ווערן זיי אנגעשוואלן, פארציען זיך מיט שי היטלען ,
און פלוצלינג רירן אן זיך מיינע פינגער אין פיברעס .

וועץ איך שטרעק אויס מיינע הענט צו גלעטן אייערע קעפ,
צעשיטן זיי זיך ארויס פון מיר איבער אלע פיר עקן
עס ציען זיך צו זיי פוקסן און ~~זומער־פייגעלער~~ פלאטערנדיק
זיי רינגלען ארום די וועלט מיט נישט באקאנטע ריחות.

יידיש

יוסל בירשטיין

עכשיו בחצר

## איצט אין ווינט

איצט אין הויף ווען דאס גויאווא-ביימל ווי א יונגע מאמע
מיט באצירטע צוואנציק פינגער גלעט דעם מארגן-ווינט
און דאס מישמיש-ביימל קעמט פון קעגן איבער זיינע שיינע האר

שלאפט ער איין דער ווינט און זייערע ביידנס ארעמס
ער פרעגט קיין קושיות נישט וועמענס ~~שששששש~~ ווארצל איז
און ער האט קיין עסק נישט מיט דעם וואס זעט זיך גארנישט אן.

יידיש
יוסל בירשטיין

מקח

<u>דינגעניש</u>

ווי לאנג וועסטו זיך דינגען
אין א ווילד פרעמדער שפראך
מיט א געביפטן גאלדשמידט
וואס פרווט פרעציז, אזוי צו זאגן,
אפוועגן דיין לעבן?

ווי לאנג נאך וועסטן אנשטרענגען די אדערלעך פון דיינע אויגן
נאכצופאלגן דאס ציטערל?
אט בלייבט עס רואיק שוין.

איין ביס בלויז און וואלסט קיך איבערצייגט.